# וואַלן־מאַניפֿעסט צום אייראָפּעיִשן פּאַרלאַמענט 2024

# דער קלימאַט.
# דער קלימאַט.
# דער קלימאַט.

## אַלץ הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיטן קלימאַט.

ביַי Miljöpartiet de gröna (די גרינע פּאַרטיי) האַלט מען אַוודאי אַז דער קלימאַט באַשטימט די גרענעצן פֿאַר אונדזער עקזיסטענץ און דערצו אויך פֿאַר אונדזער פּאָליטיק. מיר אַרבעטן שטענדיק כּדי אויפֿצובויען אַ מער פֿרידלעכע, זיכערע און יושרדיקע וועלט.

אין אייראָפּע האָבן די עקסטרעם־רעכטע קראַפֿטן געשטעלט די נייטיקע אַרבעט צו באַשיצן די נאַטור־סבֿיבֿה אין סכּנה. אין שוועדן און אין דער איבעריקע אייראָפּע ווילן די דאָזיקע קראַפֿטן שאַפֿן שפּאַלטונגען אין דעם פֿאַרבאַנד און צעריַיסן דעם איצטיקן פֿאַרבאַנד. מע שטעלט דעם אייראָפּעיִשן שלום אין סכּנה ווען מע שוואַכט אָפּ דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, באַגרענעצן די פֿריַיע מעדיומס און שאַפֿן קאָנפֿליקטן צווישן באַזונדערע גרופּעס. Miljöpartiet de gröna (די גרינע פּאַרטיי) וועלן באַקעמפֿן זייערע באַוועגונגען אין שוועדן און אייראָפּע.

צוזאַמען מיט די אַנדערע גרינע פּאַרטייען פֿאָדערן מיר אַן אויסהאַלטעוודיקע, פֿרידלעכע און יושרדיקע אייראָפּע. אַן אייראָפּע ווו מע ראַטעוועט די נאַטור־סבֿיבֿה, פֿאַרשטאַרקט די דעמאָקראַטיע און באַשיצט די נאַטור. כּדי דאָס צו טאָן מוז דער קלימאַט זיַין אַ פּריאָריטעט – וויַיל אַלץ הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיטן קלימאַט. אָן אַן איבערשטעלונג, ניט קיין יושר, און אָן יושר, ניט קיין איבערשטעלונג.

miljöpartiet de gröna

לייען וויַיטער וועגן אונדזער פּאָליטיק אויף www.mp.se

# וואַלן־מאַניפֿעסט צו די אײ״פֿ־וואַלן 2024

**Miljöpartiet de gröna (די גרינע פּאַרטיי) וויל ראַטעווען דעם קלימאַט, פֿאַרשטאַרקן די דעמאָקראַטיע און באַשיצן די נאַטור. די גרינע פּאָליטיק שליסט אײַן אַלע סעקטאָרן און ווירקט אויף יעדן מענטשן. צוזאַמען ווילן מיר אויפֿבויען אַ מער פֿרידלעכע, זיכערע און יושרדיקע וועלט. אין דעם אייראָפּעיִשן פּאַרלאַמענט וועלן מיר אַרבעטן פֿאַר:**

**אַ גיכע און אַ גלײַכמאָסיקע קלימאַט־איבערשטעלונג.**
דער אײ״פֿ האָט אַ וויכטיקע ראָלע וואָס שייך דער גלאָבאַלער קלימאַט־אַרבעט. דער ציל איז צו פֿאַרהעכערן די קלימאַט־אַמביציעס און שטאַרק פֿאַרמינערן די אַרויסלאָזן. וואָס מער מען פֿאַראומרייניקט אַלץ מער מוז מען טראָגן דאָס אַחריות פֿאַרן איבערשטעלן.

**אַ גרינע, צירקולאַרע און קאָנקורירנדיקע עקאָנאָמיע.**
דאָס וואָס איז גוט פֿאַרן קלימאַט און דער נאַטור־סבֿיבֿה זאָל זײַן ביליקער, מע מוז פֿאַרבאָטן פֿאָסילע סובווענצן. די קלימאַט־איבערשטעלונג זאָל זײַן יושרדיק און ניט ווירקן נעגאַטיוו אויפֿן פֿאַרזאָרג־סעקטאָר.

**שלום אין אייראָפּע און דער וועלט.**
מע מוז ווידער שטיצן אוקראַיִנע אין דעם קאַמף קעגן רוסלאַנד. אַזוי לאַנג ווי די מלחמה גייט אָן זאָל מען געבן אַלע די נייטיקע עקאָנאָמישע, מיליטאַרישע און הומאַניטאַרע שטיצעס.

**אַ פֿאַרשטאַרקטע און באַשיצטע דעמאָקראַטיע**
מיר ווילן פֿאַרשטאַרקן די ציוויל־געזעלשאַפֿט און באַשיצן די גרונטיקע פֿרײַהייטן און רעכט פֿאַר יעדן איינעם אין דעם אײ"פֿ.

**צוטריטלעכע און קלימאַט־פֿרײַנדלעכע טראַנספּאָרט־מיטלען פֿאַר אַלע.**
מיר ווילן זען מער באַנען און ביליקערע עפֿנטלעכע טראַנספּאָרט־סיסטעמען, פֿאַרבאָטן רײַזעס מיט עראָפּלאַנען ווען אַ באַן קען פֿאָרן די זעלבע שטרעקע אין 3 שעה אָדער ווייניקער, און אויך אַריבערפֿירן דעם משׂא־טראַפֿיק פֿון די שאָסייען צו די באַנען און ימען.

**אַ 100% באַנײַבאַרע ענערגיע־סיסטעם.**
דער אײ״פֿ מוז פֿאַרהעכערן די אַמביציעס ווען ס'קומט צו דער ענערגיע־פּאָליטיק, בטל מאַכן אַלע פֿאָסילע סובווענצן און פֿאַרבעסערן די ענערגיע איבער דער גאַנצער געזעלשאַפֿט. מיר ווילן אַצינד אויפֿהערן צו אימפּאָרטירן ענערגיע פֿון רוסלאַנד.

**אַ פּלאַן צו ראַטעווען די ימען.**
פֿרישע ימען זענען גאָר וויכטיקע פֿאַר דער מענטשלעכע עקסיסטענץ און אַלע מינים לעבן אויפֿן ערד. מיר ווילן רייניקן די ימען, אויפֿהערן צו פֿישן צו פֿיל און פֿאַרבאָטן אַנדערע מינים עקספּלואַטאַציעס.

**פֿאַרשטאַרקטער שיץ פֿון דער נאַטור אין דעם גאַנצן אײ"פֿ.**
אונדזער נאַטור און די ביאָלאָגישע פֿילמיניקייט זענען לעבנסנייטיק צו האָבן עסן, פֿרישע וואַסער און פֿרישע לופֿט. מיר ווילן באַשיצן און צוריקשטעלן מער נאַטור.

**אַן אויסהאַלטעוודיק וועלדערײַ ווו וועלדער זאָל בלײַבן וועלדער.**
איבערשטעלן דאָס וועלדערײַ כּדי צו פּראָטעזשירן וואַלד־פֿאַרמאָגערס וואָס באַשיצן די ביאָלאָגישע פֿילמיניקייט.

**אַן אַגריקולטור פֿאַר מער פֿויגלען, דעם קלימאַט און דער ביאָלאָגישע פֿילמיניקייט.**
מיר ווילן אונטערשטיצן די קליינע, עקאָלאָגישע און לאָקאַלע אַגריקולטור וואָס איז גוט פֿאַר די חיות און דער נאַטור. כּדי צו פֿאַרשטאַרקן די אַגריקולטור און פֿאַרהעכערן דעם ניוואָ זעלבסטפֿאַרזאָרג, מוזן מיר רעפֿאָרמירן די אַגריקולטור־פּאָליטיק פֿונעם אײ"פֿ.

**חיות זאָלן פֿירן גוטע לעבנס.**
אַלע חיות האָבן דאָס רעכט צו פֿירן נאַטירלעכע לעבנס אָן טרערס, ווייטיק און קרענק. מיר ווילן פֿאַרבעסערן דאָס וווילזײַן פֿאַר חיות און פֿאַרבאָטן אַלע מינים פּלאָגערײַ.

**אַ פֿעמיניסטישע אייראָפּע**
פֿאַרזיכערן די רעכט פֿון פֿרויען און מיידלעך. מיר ווילן גאַראַנטירן דאָס רעכט צו אַבאָרט, אײַנפֿירן אַ צושטימונג־געזעץ און דערצו אויך מאַכן אומלעגאַל אַלע מינים סעקסועלע און מין־באַזירטע גוואַלד.

**אַן אײ"פֿ פֿרײַ פֿון ראַסיזם און דיסקרימינאַציע**
לויט אונדז האָבן אַוודאי אַלע מענטשן די זעלבע ווערט. מע מוז שיצן מענטשן אין דעם אײ"פֿ פֿון ראַסיזם און דיסקרימינאַציע.

**אַ סאָלידאַריש אַחריות פֿאַר פּליטים**
מיר ווילן זען אַז די אײ"פֿ־לענדער סאָלידאַריש טראָגן דאָס אַחריות פֿאַרן הומאַן און געזעצלעך אויפֿנעמען פּליטים און אַז מע פֿאַרשטאַרקט דאָס אַזיל־רעכט.

**דאָס יושרדיקע האַנדלען - פֿאַרן קלימאַט און די גלאָבאַלע מענטשן־רעכט**
די האַנדל־פּאָליטיק פֿונעם אײ"פֿ זאָל באַקעמפֿן אָרעמקייט, פּראָטעזשירן מענטשן־רעכט, דעמאָקראַטיע און גלאָבאַלע קלימאַט־פּאָליטיק.דאָס אונטערשטיצן אַנטוויקלונג־לענדער זאָל נעמען אַם ווייניקסטנס 1% פֿון דער נאַציאָנאַלער ברוטאָ־הכנסה פֿונעם אײ"פֿ.